Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Zaṿl rimer

## Menaḥem
## מנחם

Ṿarshe, 1923

דאָס פונפצענטע קאַפיטל

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195

Visual Library

## דאָס פופצענטע קאַפּיטל

צוערשט איז חיה ריווען נישט געלונגען. יענעם אויפדערנאַכט,
ווען זי האָט פריידען סודותדיק פון שטוב אַרויסגעפירט
צום ברעג פון טייך, האָט פריידע בלויז געזען
ווי זאַוול זיצט אונטער אַ בוים, און ליזע אויפן גראָז,
דעם קאָפּ אויף ביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט,
סאַרקוקט אים אין די אויגן. פינף און צען מינוט אַזוי.
האָט פריידע זיך אַהיים געלאָזט און אויפן וועג פאַרזאָגט
איר דינסטמויד פון אַמאָל, אַז זי זאָל מוחל זיין
און מער צו איר נישט קומען מיט קיין מעשיות.
זי האָט זיך אָבער אָנגעהויבן צוקוקן, און איינמאָל,
ווען זאַוול האָט זיך אויסגעקליבן גיין און ליזע איז אַרויס
באַגלייטן אים אין פאָדערהויז, האָט פריידע
פאַרגנבעט צוגעקוקט זיך צום געזעגענען און מאָרגן
אַוועקגערופן זאַוולען אָן אַ זייט און שטיל געזאָגט:
— איר זעט דאָך, זאַוול, זי איז בלויז אַ קינד.
און וואָס איר האָט געטאָן פון אייער גאָלדן האַרץ
פאַרשטייט זי נישט. און יענע איז דאָך פאָרט אַ ווייב.
וואָלט אפשר גלייכער זיין פאַר אַלעמען, איר זאָלט אַצינד
צו אונז נישט קומען אַזוי אָפט. נאָר אויף אַ שטיקל צייט.
עס האָט אים הענט און פיס אנטנומען, האָט זי שנעל
געפלאָנטערט זיך אין רייד: — וואָס קאָן מען טאָן, מיין זון?
און נאָכגעגאַנגען ביזן טיר מיט אים און ביז אין דרויסן
און אַלץ גערעדט: — וואָס קאָן מען טאָן, מיין זון?

געקומען אין שפּיטאָל, אַריין אין קאַמערל צו זיך,
צונויפֿגענומען די פּאַפּירלעך, איינגעלייגט, אַריינגעלייגט
אין בוזעם-קעשענע, פֿאַרפּאַקט די צוויי דריי העמדער,
אַרויסגעקוקט אין דרויסן אין דער נאַכט און מיטן קלומיקל אין האַנט
געבליבן שטיין. זאָל נאָר די ערשטע גרויקייט זיך באַווייזן,
וועט ער שוין גיין. דערווייל דאָס לעמפּל אויסגעלאָשן,
אַוועקגעזעצט זיך, אַלץ נאָך מיטן קלומיקל אין האַנט
און בלויז געוואַרט. אין אַ פֿאַרקלעמטן ווינקל
האָט זיך דאָס האַרץ פֿאַרגראָבן, און פֿון ערגעץ האָבן
געטראָגן זיך דערמאַנונגען, צעריסענע געדאַנקען, ראַכטונגען,
ווי שטיקלעך וואָלקן נאָך אַ רעגן, זיך צעריסן פֿאַרן אויג
און ס'האָט זיך נישט געוואָלט זיי אָנכאַפּן, זיך צוקוקן אַפֿילו:
עס פֿליט — זאָל עס פֿאַרבייפֿליען, פֿאַרבייפֿליען
און גאָרנישט. ס'האָט געדאַרפֿט אַזוי צו זיין און ס'איז!
די אויגן האָבן זיך געקלעפּט — האָט זיך געדרימלט אַ מינוט,
אין דרימל נאָכגעשפּירט דעם גאַנג פֿון נאַכט הינטער די שויבן,
ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן בלייכן און פֿון גרויען נעבל
די הייזער זיך אַרויסשיילן — האָט ער זיך אויפֿגעהויבן,
אויף שפּיצן פֿינגער דורכגעגנבעט און אַרויס אין דרויסן.
קיין מענטש, קיין לעבעדיקער נפֿש אין דער גרויער קילקייט,
און ס'אויפֿגעקלעמטע האַרץ ווערט איינגעשרומפּענער
פֿון שרעק, וואָס גייט אַרום אין פּוסטקייט פֿון באַגינען.
וואו גיין? דערמאָנט זיך אָן שאָסיי, וואָס פֿירט אַוועק
צו דערפֿלעך ווייטער און פֿון דאָרט מסתמא וואו
איז אייך אַ שטעטל דאָ, געשפּרייזט קוים צו דערהערן,
און פֿאָרויס איז דאָס אויג אַוועק, ווי אַ שליח אויסצופֿאָרשן,
אויב ס'לויערט קיין געפֿאַר נישט אויפֿן וועג. פֿון ווייטן
דערזען אַ פּאָליציאַנט און זיך, נישט טראַכטנדיק, פֿאַרקירעוועט
אין גאָר אַן אַנדער זייט, גענומען שפּרייזן שנעל אַזוי,
ווי ער זאָל מיט אַ שליחות גיין און נאָכגעהערט פֿון הינטן,
צי יענער יאָגט אים נישט. באַשלאָסן נישט צו פּרוּוון מער
די גאַסן צום שאָסיי און גלאַט געפּלאָנטערט זיך

פון גאַס אין גאַס אַריין. ס׳האָט אָנגעהויבן העלער ווערן,
דער וואַסער־פירער איז צום טייך פאַרבייגעפאָרן,
אַ בעל־עגלה האָט געקלאַפּט איבער די שטיינער,
ס׳איז איינער מיט אַ טלית־זעקל אַ פאַרשלאָפענער געגאַנגען
צום ערשטן דאַווענען און אַ ייד פון בקור־חולים
איז אָנגעקומען פון אַ וואַך־נאַכט און פאַרוואונדערט זיך:
– גוט־מאָרגן, זאַוול! עפעס אַזוי פרי אין גאַס?
גיין ווייטער אָן אַ ציל אַזוי האָט נישט געהאַט קיין זין.
ער דאַרף זיך אויסרוען, דאַרף צו זיך קומען און באַרעכענען
וואוהין צו גיין. מיט וואָס. נאָר אומקערן זיך דאָרט
אין קאַמער פון שפּיטאָל, וואו מישא וועט באַלד אָנקומען –
דאָס – ניין. שוין בעסער איבערזיין אַ טאָג צי צוויי ביים טאַטן.
דאָס הויז איז נאָך געשלאָפן. האָט ער אויפגעמאַכט
די פורטקע פון שטאכעט, וואָס אַרום הויז, אַריין
און צוגעזעצט זיך אויף די טרעפּלעך פאַר דער טיר
ביז עמעצער וועט עפענען. די ערשטע איז אַרויס
די אַלטע גויע, האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט
און ער האָט עפעס אויסגעמורמלט און זיך דורכגעשלייכט
אַרויף די טרעפּ ביז פאַר דער מאַמעס טיר.
אַ קלאַפּ געטאָן, געענטפערט הייזעריק: – איך, זאַוול, בין דאָס.
געהערט ווי ס׳קייטלט זיך דאָס קייטל און געבליבן שטיין
אין וואַרעמקייט און ענגשאַפט פון דער שלאָפנדיקער שטוב.
די מאַמע האָט געכאַפּט אויף זיך אַ יאַקל, ס׳איז אַרויס
דער טאַטע אַ פאַרשלאָפענער, דער ברודער מיטן שוועסטערל
אין בעטן דאָ האָבן זיך אויפגעכאַפּט, און באַלד
האָט אַלץ געפּאַדעט אַרום אים. ערשט דאָ, ווען אויפן טיש
האָט שוין די טיי געפּאַרעט און די אויגן האָבן זיך געקלעפּט
פון וואַרעמקייט און מידקייט, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ נאָגעניש
און ס׳האָט געדאַכט – אָט פאַלט ער מיטן קאָפּ אַנידער אויפן טיש.
דער טאַטע זעצט זיך צו: – ערשט זאָג מיר, וואָס אַזוי באַגינען?
ער זעט – די מאַמע ציט דעם טאַטן פאַרן אַרבל
און ענטפערט איינגעהאַלטן: – כ׳וויל שוין מער נישט זיין דאָרט.

– אַזוי – פֿאַרריכט זיך גלייך דער טאַטע, – דאָס פֿאַרשטיי איך.
געננג, וואָס דען? דו, איציק, נעם נאָר צו דאָס פּעקל זיינס,
און דו, פֿאַרשטייסטו מיך, נעם עס און טרינק.
ס'הייסט, דאַוונען דאַוונסטו דאָך נישט מסתּמא, האַ?
איז נישט! נו, מילא. ביסטו ווידער אינדערהיים.
און זאַוול שטיקט די נאָגעניש אין זיך און האַלט זיך.

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט דער טאַטע אָנגעהויבן רעדן
פֿון קומען צו אַ תּכלית. האָט די מאַמע זיך געשטעלט:
– וואָס ווילסטו? לאָז אים אָפּ, ס'וועט נישט אַנטלויפֿן.
נאָר זאַוול פֿון אַ זייט האָט זיך צום טאַטן אָנגערופֿן:
– איך וועל אָוועקפֿאָרן מסתּמא. – ס'הייסט אַוועקפֿאָרן?
וואָס דאַרפֿסטו פֿאָרן? פֿאָרסט דאָך נאָכנישט היינט –
האָט אים פֿאַרכאַפּט די מאַמע – ס'ברענט דאָך נישט.
און ביי קיין פֿרעמדע ביסטו נישט. איז וואָס איז דער געאייל?
דער טאַטע האָט געוואָלט נאָך זאָגן עפּעס און פֿאַרשוויגן,
און נאָכן וואַרעמעס האָט זיך די מאַמע צוגעזעצט
און איינגעטענהט, אַז דער טאַטע מיינט קיין בייז נישט,
נאָר גאָרנישט – ס'איז נאָך צייט, און דא הינטערן הויז
איז דאָ אַ סאָד, קאָן זאַוול זיצן דאָרט אין דער אלטאנע
אַ ביכל לייענען, צי וואָס – און ס'וועט דער תּכלית נישט אַנטלויפֿן.
ער האָט געוואַרט, עס זאָל זיך נאָך עפּעס אַראָפּגליטשן
דער מאַמען פֿון דער צונג, נאָר חיה ריווען האָט זי נישט דערמאָנט.

די הינטער-טיר פֿון הויז האָט זיך געעפֿנט אין אַ קליינעם סאָד,
און צווישן הויכע קאַרשנביימער מיט די לעצטע קאַרשן
נאָך הענגענדיק אויף דינע צווייגלעך און די עפּלביימער
נאָך פֿול באַזעצט מיט גרינע פּירות, איז געשטאַנען אָן אַ זייט
אַ מין אַלטאַנע, אויפֿגעקלאַפּט פֿון צוגעפֿוילטע ברעטער
און אינווייניק אין שאָטן איז געווען קיל און דעמפּ.
דאָרט, אָפּגעשיידט פֿון גאָר דער וועלט, האָט זאַוול נאָכאַמאָל
געקאָנט אין לאַנגע שעהן איבערלעבן דאָס געוועזענע

און קלאָרער קומען צו דעם וויסן, אַז ס׳איז נישט נאָר רעכט,
ס׳איז גוט אַזוי. ער האָט געדאַרפט פאַרטריבן ווערן!
נאָר פון די שפּיצן פינגער פון די פיס און ביזן קאָפּ
האָט אַלץ גענאָגט אין אים, און אויסגעצויגן אויף דער באַנק,
די הענט אַראָפּגעהאָנגען און די פיס צוזאַמען אויסגעשטרעקט
איז ער געלעגן אין אַ מין חלשות, וואַרטנדיק אויף דעם,
אַז אין דער נאָגעניש זאָל גאָר דאָס לעבן דאַרפן אויסגיין,
און ער וועט בלייבן דאָ, נישט טויט, נאָר אויסגעגאַנגען,
און ס׳וועט אים גוט ווערן. אַ סוף! נאָר איבערקומענדיק
דאָס מין חלשות פלעגט ער זיך אין דרייען אויפקנוילן,
אין ליפּן אײַנבײַסן דעם דראַנג צום כליפּען,
ביז ס׳האָט אין האַלז געגומען דריגנן, ווי זיך שטיקנדיק,
און דעמאָלט, מיט די הענט אַרײַנגערוקט צווישן די ברעטער,
איז ער געשטאַנען, ווי אַ צוגעבונדענער, וואָס לאָזט אַליין
די פּײַטשע ריטער צײַלן אויפן הוילן רוקן,
עס זאָל מיט שמערץ און בלוט אַרויסשלאָגן די גלוסטונג,
און בלײַבן זאָל אַליין דאָס שימערן פון ווײַטן ליכט,
פון ווײַטן ליכט הינטער דער גלוסטונג, נישט קיין שטראָף
איז אָט דאָס שטיין אַזוי מיט הענט צווישן די ברעטער —
עס הענגט קיין זינד נישט איבער אים, עס קומט קיין שטראָף נישט.
עס איז אויך אים באַשערט געווען אַ גרויסע פרייד,
איז ער געקומען און זיך אָנגעטרונקען מיט דער פרייד,
און ווען עס איז געוואָרן צו פיל און דאָס שווערע האַרץ
האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן מער — איז אים אַ נס געשען:
מען האָט מיט גוואַלט אים אָפּגעריסן, און ס׳איז רעכט געווען.
און אויב די זיסקייט ווי אַ כּשוף גייט אים נאָך —
סאָ זאָלן ריטער שלאָגן און אַרויסשלאָגן דעם כּשוף,
ביז בלײַבן וועט דאָס ליכט אַליין, וואָס אין דער פרייד.
אַזוי האָט עס געדאַרפט צו זײַן. געקומען, אָנגעטרונקען זיך
פאַר גאָר דאָס גאַנצע לעבן — און געבוג. איצט דאַרף מען ווײַטער גיין.
איצט דאַרף מען ווײַטער גיין און מיט דעם אײַנגעזאַפּטן ליכט
פאַרמעסטן זיך אויף עפּעס, וואָס זאָל אײַנשלינגען

דאָס גלוסטעניש און בענקשאַפט, עפּעס טאָן אַזוינס, וואָס זאָל — — —
וואָס זאָל עס? מאָרגן, אפשר איבערמאָרגן וועט ער קאָנען
אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, אַ נייער, אַ באַפרייטער,
וועט קאָנען קוקן גלייך אויף אַלעמען און איבער זייערע קעפּ,
אַפילו דאָ, אַפילו איבער אַלע דאָ און נישט אַנטרינען,
נישט דאַרפן נאָר אַנטלויפן — און וועט כּח האָבן
אַזוינס עפּעס אַ נעם צו טאָן, וואָס זאָל — וואָס זאָל עס?
און נאָכנישט וויסנדיק, ווי דאַרף עס אויסקוקן דאָס גרויסע,
דאָס אומדערקענטע, וואָס איז גרייט פאַר אים, צו דעם געגרייט זיך
און שוין דערמיט געוווערט זיך געגן יענער נאָגעניש,
פון וועלכער ס'האָט דאָס אומבאַוואוסטע ערשט געדאַרפט אַרויסוואַקסן.

אין טיר פון דער אַלטאַנע איז עס איינמאָל אַ נאָכמיטאָג
דער דאָקטאר שטיין געבליבן און אַ זאָג געטאָן:
— אָט ענדלעך איך געפונען! — זאַוול אַ צעטומלטער
האָט זיך אַ הויב געטאָן, געשטאַנען ביז דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקוקט
און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט. דאָס האַרץ
איז אים געגאַנגען אויף און אָפּ און אויך דער דאָקטאָר
האָט זיך געשטאַרקט, זעט אויס, דאָס לשון צו געפינען,
ביז ער האָט אָנגעהויבן: — זעען מיר זיך ווידער.
מיר זענען דאָך שוין אַלטע, גאָר אַלטע חברים, זאַוול.
און אַז עס קומט צו עפּעס, זיצט מען און מען שווייגט.
פאַרוואָס? — איך קאָן נישט רעדן - ענטפערט זאַוול.
— דאָס הייסט, נישט איר, נאָר איך בין עט געקומען
צו אייך ווי צו אַ גוטן חבר אָפּרעדן דאָס האַרץ.
ווי שטיל דאָ איז — קוקט ער זיך ווידער אום   און קיל
און טונקל און די פליגן זומען גוט. פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן?
ס'קומט אומגעריכט אַזוי דאָס פרעגן. ווייסט נישט יענער,
אַז מ'האָט פאַר אים די טיר פאַרמאַכט? ער טאַפּעט
און זאָגט: — איך האָב געדאַרפט אַוועקגיין.
— כ'פאַרשטיי. כ'בין אויך אַמאָל אַוועקגעגאַנגען.
מיט יאָרן לאַנג צוריק. איך ווייס נישט, צי געדענקט איר.

איך בין אַהיים געקומען פון דעם לעצטן קורס
אַ מידער, אַ צעשלאָגענער... — כ׳געדענק — זאָגט זאַוול.
איז דעמאָלט בין איך אויך אַוועק. אַנטלאָפן. אָט ווי איר.
נאָר איר האָט כאָטש באַוויזן איינפלאַנצן אין האַרץ
אַ ליבשאַפט און אַ בענקעניש נאָך אייך. איך — גאָרנישט.
אַוועק אַזוי — און נישט געלאָזן וואָס צו ליב האָבן.
און דאָך האָב איך די גאַנצע צייט געוואַרט — און איצט —
איצט האָט מיר אָנגעהויבן דאַכטן — זי וואַרט אויך אויף מיר.
זי איז אַליין. דער מאַן געשטאָרבן. וואַרט זי דאָרט
און גלויבט, אַז איך וועל אָנקומען. און ס׳ווילט זיך יעדן טאָג
זיך אויפהויבן, אַוועקפאָרן, אַלץ איבערלאָזן — גיין אַהין.
שטיי אויף באַגינען, שטעל זיך אַרבייטן און פיל כסדר —
איך האָב נישט וואָס צו טאָן דאָ. און ס׳איז שלעכט.
איר ווייסט — דער טאַטע און די מאַמע... זאַוול, זאָגט מיר —
וואָלט איר צוריקגעגאַנגען? — ניין! — שניידט זאַוול אָפּ.
— ניין? פאַרוואָס? — מען דאַרף נישט גיין צוריק.
דער דאָקטאָר קוקט אים אָן: — און אַז מען מוז?
— אַלץ איינס — מען דאַרף נישט גיין צוריק.
— כ׳פאַרשטיי אייך נישט. געדענקט איר אייערע רייד:
דאָס לעבן דאַרף אַ זין האָבן. און אַז עס האָט נישט?
און אַז איר כילט — ביז וואַנען איר געפינט צוריק
דאָס לאַנג פאַרלאָרענע האָט אייער לעבן נישט קיין זין
און אַלץ איז גאָרנישט? — ס׳איז נישט אמת — טענהט זאַוול.
— וואָס מיינט איר — ס׳איז נישט אמת? — אָט אַזוי! נישט אמת!
ער מאַטערט זיך די ווערטער אָנצוכאַפּן און כראַלט אויס:
— מען מאַכט אַליין דעם זין. עס איז אין האַרץ.
אַז איר זענט איינמאָל דאָרט געווען און ליב געהאַט
(ווי שווער עס איז דאָס וואָרט אַרויסצורעדן), זענט איר שוין געווען
און אויס! מען דאַרף שוין דאָרטן מער נישט זיין.
— ווען אייער האַרץ איז דאָרט געבליבן? פרעגט דער דאָקטאָר.
— עס איז אַ בענקעניש — זאָגט זאַוול. — ס׳ציט דאָס האַרץ
און אַלצדינג ציט אַהין, אָבער מען טאָר נישט.

וואָס לענגער מען פאַרבלייבט, אַלץ ווייטער גייט אַוועק
דער זין פון לעבן. צופיל גליק און גוטסקייט.
אַנטלויפט מען. בלייבט דאָס ליכט אין האַרץ,
און ס'איז פאַראַן אַ זין. מען קאָן שוין ווייטער גיין.
דער דאָקטאָר הערט, ווי נישט אַ לעבעדיקער מענטש
וואָלט עס גערעדט, נאָר בלויז אַ קול פון ערגעץ,
און רעדט, דאַכט זיך, צו זיך אַליין: – איז הייסט עס – ניין?..
וואָס טאַטע-מאַמע הייסט, וואָס גוטע פרומע לייט הייסן...
זיך לאָזן שדכנען אַ טאָכטער פון אַן אויפגעקומענעם,
און זיין אַ דאָקטאָר, היילן קראַנקע, קינדער האָבן, יאָ?
– דאָס ווייס איך נישט – זאָגט זאַוול. – און אַרומגיין,
זיך קהלן, זיין מיט ווייב און קינדער און דאָס גאַנצע לעבן בענקען,
דאָס מיינט איר דאָך אַוודאי מיטן „ליכט אין האַרץ".
און דאָס זאָל זיין דער זין? – ער ווערט אַנטשוויגן
און זאַוול ענטפערט אויך נישט. זיצט און טראַכט:
ווי קאָן עס זיין – אַזאַ געלערנטער און קלוגער זאָל נישט קאָנען
אַ נעם טאָן זיך און טאָן עפעס אַזוינס, ער זאָל דערפילן,
אַז אים איז גוט און דאָס איז, וואָס עס דאַרף צו זיין.
דער דאָקטאָר בלייבט אַ ווייל נאָך זיצן, הערט זיך איין
צום זומען פון די פליגן און דעם שטילן ווינט אין בלעטער
און הויבט זיך אויף: – אַ דאַנק פאַר דעם אויך, זאַוול.
און ליזע ווײנט. מען קאָן זי גאָרנישט איינשטילן. נו, זייט געזונט.
און אפשר דאַרף מען נישט אַנטלויפן, זאַוול, האַ?
און נישט געוואַרט מער אויף קיין ענטפער, גייט ער.

און ליזע ווײנט... נאָך וואָס איז ער געקומען אים דאָס אָנזאָגן?
וואָס ווילן זיי פון אים? וואָס יאָגט מען אים
אַפילו דאָ אַהער כדי מיט אַ וואָרט אַ תל מאַכן פון אַלץ,
וואָס ער, מיט שמערצן און יסורים, וויל אַרויפציען אויף זיך?
צי ווייסט ער נישט, דער זעלבער מישאַ דער, אַז ביז מען קאָן
די ווערטער זיך אַריינקלאַפּן: מען דאַרף נישט גיין צוריק –
מוז מען דאָס לייב זיך לאָזן דורכדרעשן מיט ריטער

און דעמאָלט ערשט פֿאַרציט זיך בלויז אַ דינע הייטל,
וואָס האַלט זיך קוים מיט נסים אויף די וואונדן, און דערווייל
איז נאָך דער ווייטאָק בלוטיק־שטאַרקער פֿון דער היילונג,
און אויב דו זאָגסט אַזוי — מען דאַרף נישט גיין צוריק —
איז ווייל דו ווילסט נישט, ווילסט נישט, ווילסט נישט זיך אַרויסגעבן.
וואָס קומען זיי מיט געוואַלט אין פּנים וואַרפֿן אים
דעם ליגן פֿון זיין אויסלייזונג?
צונויפֿגעקנאָרעט ווי אַ יאוש,
וואָס פֿאַנצערט זיך אין זיינע באָדלען, מיטן רוקן צו דער טיר,
אין ווינקל שטופּט ער זיך אַריין און וויל צונויפֿנעמען
די רעשטלעך פֿון צעשטערטן. ס'ווײנט דאָס נאָגעניש,
און ער מיט פֿיסטן קלאַפּט אין זיך: מען דאַרף נישט גיין צוריק.
ער חזרט עס ביז עס פֿאַרלירט דעם זין, דערמאָנט זיך,
נעמט אויסציילן די ווערטער מיט כּוונה, שלאָגט זיי
ווי מיט אַ האַק אַ קלין אין האָלץ אַריין, ווערט מיד
און בלייבט אַ שטומער זיצן מיט אַ צונג אַ טרוקענעם.
און אַז די מאַמע קומט אים רופֿן, איז ער מיד
און שלעפֿעריק און זיינע אויגן קוקן און פֿאַרשטייען נישט.

שוין באַלד אַ וואָך אַריבער. זאַל פֿאָרט נישט ערגעץ
און טראַכט נישט וועגן טאָן עפּעס. דער טאַטע קוקט,
שוין גרייט צו פֿרעגן ביי דער מאַמען: — וואָס איז ער געקומען
אויף קעסט אַהער? ער פֿרעגט נאָכנישט דערווייל
און וואַרט. אויב ער זאָל פּועלן ביים זון, ביים תּם, צו בלייבן,
איז כאַפּט דער וואַטעמאַכער נאָך אַ וואָך! און זאַל
פֿאַרגעסט צו קוקן אויפֿן טאַטן, זיצט אין דער אַלטאַנע
און קאָן שוין מיטן בלייפֿעדער פֿאַרשרייבן אויף פּאַפּיר
דערווייל נאָר שטיקלעך צעגעריסענע און ניט פֿאַרענדיקטע:

שוין אַוועק. וואו ווייטער גיין?
הינטן הערט זיך איר געוויין.
אין איר צימערל אַליין

וויינט זי טאָג און נאַכט.
וואו איך זאָל נישט גיין און קומען
וועט עס מיר אין אויער ברומען.
איך קאָן בלייבן וואָס געווען,
און מיין האַרץ — ווער דאַרף עס דען!
אָבער זי — — —

* *
*

ווי שטיל זי האָט אַ זאָג געטאָן:
ס'וועט בעסער זיין איר זאָלט נישט קומען.
און איך האָב אירע רייד פאַרנומען
און אירע מוטערלעכע אויגן
מיט פייכטקייט האָבן זיך פאַרצויגן — — —

דערווייל נאָר שטיקלעך אָפּגעריסענע, נאָר ס'נעמט זיך לויטערן
און ביסלעכווייז דערשלאָגט ער זיך צו רייד:

אדם איז אַ מענטש.
און אַז מ'האָט אדמען אַרויסגעטריבן
און ער איז פאַרן טויער שטיין געבליבן
און האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַ סוף צו אַלע פריידן
פון זיינע טעג אין זוניקן גן-עדן, —
האָט ער מסתמא אויך געוויינט —
ווייל אדם איז אַ מענטש.

אַ מענטש איז אדם.
אַז ער איז אין גן-עדן אויפגעקומען
און האָט געקענט נאָר זון און בלומען
און מיטאַמאָל דערזען דעם בלאַנקן שווערד,

וואָס האָט געטריבן צו דער שוואַרצער ערד –
אַוודאי האָט ער עס באַוויינט.

און איך?
ס'איז דאָך מיין היים די שוואַרצע ערד.
און אויך ס'איז מיר געווען באַשערט
אַ ווייל'ע אומצוגיין אין שיין
און ווידער פאַלן אין דער נאַכט אַריין
איז דאָך מיין היים די נאַכט און ערד.

אַ מענטש איז אָדם.
און אָדם האָט דעם עפּל איינגעביסן,
ווייל ער האָט אויך צום הימל זיך געריסן,
און דאָס איז אויך געווען אַ זינד,
כאָטש הינטער אים האָט נישט געוויינט קיין קינד
און ס'איז אַ זינד געווען דאָס רייסן זיך אַליין,
ווייל אָדם איז אַ מענטש.

אַ מענטש איז אָדם.
און ס'איז אין אים שוין אייביק נישט געשטאָרבן
דאָס ליכט, וואָס ער האָט מיט זיין זינד ערוואָרבן,
און מיטן ליכט איז ער געגאַנגען דורך דער ערד,
געפּאַקערט און געזייט, געשטאַרקט זיך און געמערט
און דעם גן-עדן אין זיין האַרץ געטראָגן,
ווייל אָדם איז אַ מענטש,
אַ מענטש איז אָדם.

ער מאַטערט זיך דעם אָדם-עלנט אויסצולייטערן אין זיך
און גרייט זיך צו דעם גיין איבער דער ערד און ווייס נישט,
אַז אויבן דאָרט אין שטוב די מאַמע זיצט און שיצט אים
פון דעם, צו וואָס ער גרייט זיך אפשר אומבאַוואוסט.
נאָר שפּעטער, אַז זי בלייבט מיט אים אין שטוב,

פאַרהאַלט זי זיך אַ ווײַלע און לאָזט פאַלן:
— ס'איז אקארשט חיה ריווע דאָ געווען. — צו וואָס?
— צו דיר איז זי געקומען. פרעגט ער גאָרנישט מער.
און אין אַ ווײַלע שפּעטער הויבט זי ווידער אָן: — זי זאָגט,
זי ט'גיין צום רב. ס'איז אפשר גאָרנישט אַזוי קרום.
מען וועט זיך אויסטענהן, און אפשר טאַקע וועט גאָט העלפן
וועסט קאָנען פּטור ווערן. — כ'וועל צום רב נישט גיין.
— וואָס דען? עס מוז דאָך ווען עס איז אַ סוף נעמען.
— איך ווייס נישט. ס'אַרט מיך נישט.
ער ווייסט — עס איז אַ ליגן

אין טשאַד פון שכורדיקן גליק האָט יעדן מאָל,
ווען ער איז בײַ דער טיר פון קיך פאַרבײַ, זיך אָפּגערופן
דער שוואַרצער פלעק אין בלוט, וואָס איז פאַרבליבן
פון דער רציחה יענעם טאָג, און נאָכגעיאָגט
מיט וואָרעניש, אַז יעדער פּיצל פרייד אַצינד
איז בלויז בײַ איר געגנבעט, ווי די פידל דעמאָלט:
ס'האָט מײַן פינסטער מזל מיך געטראָפן אויפן וועג
און געזאָגט צו מיר: דו וועסט דאָך נישט אַנטרינען.
ער ווייס, ער וועט נישט פּטור ווערן. ווײַל נישט זי האָט אים געבונדן,
נאָר ער אַליין האָט זיך פאַרקניפּט צו איר מיטן פאַרברעכן
און ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג, סײַדן מיט די הענט, מיט אייגענע,
פאַרענדיקן וואָס ער האָט שוין מיט פרעמדע הענט געטאָן.
אַוועק אַהין בײַנאַכט, פאַרגנבענען זיך, אָנכאַפּן דעם האַלז,
אַ סוף מאַכן — און דעמאָלט וועט ער פרײַ זײַן, פרײַ,
און קאָנען גיין און אָנהויבן אויפסנײַ און קיינער אין דער וועלט
וועט אים נישט בינדן. פרײַ — און מיט דער העלער בענקעניש
און מיטן מאָרד אויף זײַנע הענט וועט ער אַליין זײַן וועלט זײַן
און בײדע טראָגן: אי זײַן טאָג דעם ווײַסן, אי זײַן שוואַרצע נאַכט.
און אויב דאָס ליכט מוז אויפקומען פון פינסטער,
וועט ער אַ קוואַל אַ אײביקן פון ליכט אין זיך אַרומטראָגן
און דעמאָלט וועט ער זאַוול זײַן, ער — זאַוול — ער!

און אַז די מאַמע רופֿט אים מאָרגן דורכן קיך-פֿענסטער
און זאָגט, אַז געסט וואַרטן אויף אים, פֿאַרטײַטשט ער עס,
אַז חיה ריווע וואַרט און גרײט זיך מיט איר רעדן.
זי קאָן אים זאָגן דאָ — ער וועט נישט גײן צום רבֿ.
דערזעט ער אָבער ליזען, רײַסט די אויגן אָפּ פֿון איר
צו פֿרײדען נעבן איר און קוים ער זאָגט: — וואָס מאַכט איר?
קוקט פֿרײדע מיט אַזױפֿיל אומעט און זי רעדט אַזוי,
אַז נאָר בײדע, זי און זאַװל, זאָלן עס פֿאַרשטײן:
— וואו זענט איר עס אַהינגעקומען? נעכטן ערשט האָט מישאַ
דערציילט, אַז איר זענט דאָ. נישט אמת, ליזינקע?
און ווײסט איר — רעדט זי צו דער מאַמען שוין —
ס'איז אומעטיק בײַ אונז אין הויז, ווען זאַװל איז נישטאָ.
האָט קײן פֿאַריבל נישט, נאָר אײַער זאַװל איז בײַ אונז
אַן אײגענער, און אַז ער קומט נישט, פֿעלט אַ מענטש אין הויז.
— איך ווײס נישט — הויבט אָן ראַשע — אָבער זינט ער איז געקומען
איז ער עפּעס ווי נישט אַלעמען. נו טאַקע — שטאַרקט זי זיך
פֿון פֿרײדעס זײַן דאָ — זאָג, וואָס גײסטו אום אַזוי?
— איך גײ נישט אום — זאָגט זאַװל. — מאַלע וואָס —
באַשיצט אים פֿרײדע — זאַװל איז דאָך אַלעמאָל אַזאַ.
פֿונדעסטוועגן — רופֿט זי זיך אָפּ — אָט זײט אַ באַלעבאָס,
באַווײַזט כאָטש ליזען אײַער גאָרטן דאָ. נאָר נישט אויף לאַנג:
דער פֿאָטער דאַרף שוין באַלד אַהײם קומען.
ער גײט מיט ליזען פֿון די טרעפּ אַראָפּ אין סאָד,
בלײַבט שטײן בײַם טיר און זאָגט: — דאָס איז דער סאָד.
זי זעט אַ בענקל בײַ אַ בוים: — קום זיצן דאָרט.
נאָך גוט, וואָס זי האָט די אַלטאַנע נישט באַמערקט.
מען זעצט זיך. הויבט זי אָן, און טרערן אין איר קול:
— געדענקסט, כ'האָב דיר געזאָגט, ווּעסט מיך נישט ליב האָבן?
— נישט אמת, כ'האָב דיך ליב. — דו האָסט נישט ליב.
האָסט אויפֿגעהערט צו קומען. — נישט געדאַרפֿט מער קומען.
— פֿאַרוואָס? — כ'האָב נישט באַדאַרפֿט מער קומען.
— מען האָט דיר נישט געהײסן! — נישט געדאַרפֿט מער קומען.

איך ווייס פאַרוואָס, נאָר איכל דיר נישט זאָגן.
ער שווייגט. מיט איינמאָל שיסט זי אויס: — איך וויל אַ קוש.
ער דריגעט אויף און שאָקלט מיטן קאָפּ.
— און אַז כ'וועל זיין דיין ווייב, וועסטו מיך קושן?
דאָס פאַלט אים ווי אַ האַמער. — קאָנסט נישט זיין מיין ווייב.
— פאַרוואָס? און ער מיט מאַטערניש: — איך האָב אַ ווייב.
— ס'איז גאָרנישט — זאָגט זי — איך וויל זיין דיין ווייב.
— איך האָב אַ ווייב. — זי איז קיין ווייב נישט — טענהט ליזע
און ס'ברינט שוין בייזקייט אין איר קול: — איך ווייס,
דאָס איז דער בער. זי דאַרף נישט זיין דיין ווייב.
ער ענטפערט נישט. זי רוקט זיך נענטער צו און רעדט:
— איך וועל דיר זאָגן עפּעס, וואָס כ'האָב אויסגעטראַכט.
מיין מאַמע מיט דיין מאַמען זיצן דאָרט אין שטוב.
מיר קאָנען דאָ אַרויסגיין, קיינער זאָל נישט זען — און שוין.
מיר וועלן מיט דער באַן אַוועקפאָרן. געפעלט האָסטו?
די מאַמע וועט פאַרשטיין, אַז כ'בין מיט דיר אַוועקגעפאָרן,
נאָר קיינער וועט נישט וויסן וואו, און חיה ריווע
וועט דיך שוין קיינמאָל מער נישט זען. דו הערסט?
איך וויל נישט, אַז זי זאָל דיך זען. — זי קלעפּט זיך צו
מיט הענט און לייב צו אים און ער ווערט איינגעשרומפּן
און רעדט צרויס אָן אָטעם: — ס'קאָן אַזוי נישט זיין.
— ס'וועט זיין! ס'וועט זיין! — זי רוימט עס אים אין אויער איין
און האַלט אים פעסט. — וועסט קומען ביידערנאַכט
און איך וועל זיך נישט אויסטאָן. כ'וועל אַרויס צו דיר,
מיר וועלן זיך באַהאַלטן ערגעץ איבער נאַכט
און אינדערפרי אַוועקפאָרן. וועסט קומען, יאָ?
ער גלייכט זיך אויס, באַפרייט זיך שטיל פון איר
און זאָגט: — עס וועט אַזוי נישט זיין. מען טאָר נישט.
דאַרפסט גיין אַהיים. אַז דו וועסט אויסוואַקסן,
וועסטו — ער האַקט זיך אָפּ. — וואָס וועל איך?
— אַז דו וועסט זיין אַ גרויסע, וועסטו האָבן חתונה.
— מיט וועמען? — כ'ווייס נישט. — כ'וויל מיט דיר.

מער וועט ער איר נישט ענטפערן. ער הויבט זיך אויף
און זאָגט: — די מאַמע מוז שוין וואַרטן דאָרט אויף דיר.
זי טוט אַ שפרונג, נעמט אים אַרום און קושט.
אַ פלאַטערדיקער רייסט ער זי אַוועק, באַזעצט זי אויפן באַנק
און הינטערוויילעכטס טרעט ער אָפּ. זי רירט זיך נישט.
נישט מער. נאָר אירע אויגן ווערן פול,
און פון דער ווייטן שטייט ער, קוקט און שטומט.
ביז ס׳קומען אָן די מאַמעס פון דער טיר, און פריידע
דערזעט דער טאָכטערס פנים, ציטערט אויף און זאָגט:
— שוין ווידער זיך צעקריגט. אַט גאָר ווי קליינע קינדער.
נו, גיעט זיך איבער, ליזינקע, וועלן מיר גיין. און איר —
צו זאַוולען רעדט זי — זייט ביי אונז קיין גאַסט נישט.
און אַז איר קומט, נעמט מיט די מוטער פאַר איין וועג.
זי רעדט אַזוי, נאָר זאַוול זעט אין אירע אויגן:
— איר וועט נישט קומען. האָט רחמנות אויפן קינד און קומט נישט!

צו-וואָס נאָך ליגן אין באַהעלטעניש, ווען אַלע די,
וואָס האָבן אים געדאַרפט געפינען, האָבן אים געפונען?
און ס׳ווילט זיך צו דער ערד אַרויס, וואָס שפּרייט זיך ברייט,
און ס׳ווילט זיך אונטער הימלען זיין און ווייטקייט אָטעמען.
און אָפּגעוואַרט אַ האַלבע שעה נאָך פריידעס „גוטן טאָג",
איז ער אַרויס און נישט אַהיים געקומען ביז אין שפּעטער נאַכט.